# אַ טענצל, מיַין כּלה

איבערגעזעצט פֿון רפֿאל פֿינקל

אַמאָל איז געזעסן אַ שוואַגער ביַי אַ בילאַבאָנג
אונטער אַ גרינינקן קוליבאַ בוים
און געזונגען, פֿאַרברענגט, געוואַרט די בילי הייס זאָל זיַין,
וועסט גיין אַ טענצל, מיַין כּלה, מיט מיר.

גייען אַ טענצל, גייען אַ טענצל,
וועסט גיין אַ טענצל, מיַין כּלה, מיט מיר.
און געזונגען, פֿאַרברענגט, געוואַרט די בילי הייס זאָל זיַין,
וועסט גיין אַ טענצל, מיַין כּלה, מיט מיר.

אָט קומט אַ שפּרינגבאָק אַ לעק טאָן פֿון דעם בילאַבאָנג
אַרויף איז דער שוואַגער, מיט פֿרייד אים געכאַפּט
און געזונגען, געשטופּט אַזש דעם שפּרינגבאָק אין דער טאָקערזעק
וועסט גיין אַ טענצל, מיַין כּלה, מיט מיר.

אָט קומט דער פּריץ, קוקט אַראָפּ פֿון גרויסן פֿערד
אָט די סאָלדאַטן, איינס, צוויי, דריַי.
וועמענס איז דער שפּרינגבאָק וואָס ליגט ביַי דיר אין טאָקערזעק?
וועסט גיין אַ טענצל, מיַין כּלה, מיט מיר.

אַרויף איז דער שוואַגער, געשפּרונגען אין דעם בילאַבאָנג,
אָסור וועט מיך כאַפּן, כלעבן! גערופֿט.
די נשמה-רוח הערט זיך נאָך, ווי מען גייט ביַים בילאַבאָנג
וועסט גיין אַ טענצל, מיַין כּלה, מיט מיר.